Maimonides
MEDICAL CENTER

ברוקלין, ניו יארק 11219

**אנערקענונג פון ערהאלטן די**

**<u>HIPPA מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען</u>**

*דורך אונטערשרייבן דא אונטען, טוה איך אנערקענען אז עס איז מיר צוגעשטעלט געווארן א קאפי פון די "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" און ממילא בין איך אינפארמירט געווארן וויאזוי אינפארמאציע וועגן מיר קען גענוצט ווערן און ארויסגעגעבן ווערן דורכן האספיטאל און די אנשטאלטן וואס ווערן אויסגערעכנט ביים אנהויב פון די מעלדונג, און וויאזוי איך קען באקומען צוטריט דערצו און קאנטראלירן די אינפארמאציע. איך טוה אויך אנערקענען און איך פארשטיי אז איך קען פארלאנגען קאפיעס פון סעפעראטע שריפטליכע אויפקלערונגען פון ספעציעלע פריוואטקייט באשיצונגען וואס זענען גילטיג איבער HIV-פארבינדעטע אינפארמאציע און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע.*

__________________________________________
אונטערשריפט פון פאציענט אדער פערזענליכער פארטרעטער

__________________________________________
שרייבט ארויס נאמען פון פאציענט אדער פערזענליכער פארטרעטער

__________________________________________
דאטום

__________________________________________
שילדערונג פון פערזענליכער פארטרעטער'ס אויטאריטעט

*****************************

*(פאר אינערליכן באנוץ – ווען אן אונטערשריפט קען נישט ערהאלטן ווערן)*

אויסער אין עמוירדזשענסי באהאנדלונג אומשטענדן, טוט די "העלטה אינשורענס פארטעביליטי ענד אקאונטעבילי טי עקט אוו 1996" (HIPPA) פארלאנגען אז מיר זאלן מאכן אן ערנסטע השתדלות צו באקומען שריפטליכע אנערקענונג פון דעם פאציענט אז די "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" איז דערהאלטן געווארן אינעם ערשטן טאג נאך אפריל 14, 2003 וואס מיר שטעלן צו באהאנדלונג, פראדוקטן אדער סערוויסעספארן פאציענט (אריין גערעכנט ביי די צייט ווען מען ווערט אריין גענומען אין האספיטאל, ביים ערשטן מאל מאכן א וויזיט צו א האספיטאל דעפארטמענט, אדער סיי וועלכע אנדערע ערשטע סערוויס פארבינדונג מיטן פאציענט). מיר מוזן מאכן אן ערנסטע השתדלות צו באקומען שריפטליכע אנערקענונג ווען מען קען דאס מעסיג'ערהייט באקומען אויף א פראקטישן אופן נאכן דורכגיין אן עמוירדזשענסי באהאנדלונג סיטואציע. אויב אזא אנערקענונג קען נישט דערהאלטן ווערן, מוזן מיר דאקומענטירן אונזערע ערענסטע השתדלות צו באקומען די אנערקענונג און פארוואס עס איז נישט דערהאלטן געווארן.

שילדערט ערענסטע השתדלות צו באקומען שריפטליכע אנערקענונג (**שרייבט אייער נאמען און דעם דאטום**):

1. ______________________________________________________
נאמען ________________________ דאטום ________________________

2. ______________________________________________________
נאמען ________________________ דאטום ________________________

3. ______________________________________________________
נאמען ________________________ דאטום ________________________

**דער אריגינאל פון דעם פארם מוז זיך געפינען אינעם מעדיקל רעקארד**

Maimonides
MEDICAL CENTER

**דאטום וועז גילטיג: אפריל 14, 2003**

## <u>מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיציזרונגען</u>

**די מעלדונג שילדערט וויאזוי מעדעצינישע אינפארמאציע וועגן אייך קען ווערן גענוצט און ארויסגעגעבן און וויאזוי איר קענט באקומען צוטריט צו די אינפארמאציע. ביטע קוקט עס דורך פארזיכטיג.** דאס געזעץ פארלאנגט פון אונז צו באשיצן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע, און אייך צו צושטעלן א קאפיע פון די מעלדונג. די מעלדונג ווערט צוגעשטעלט אין צוויי שיכטן: אט די אויבערשטע שיכט (זייטן 1-2) איז א קיצור וויאזוי מיר באהאנדלען אייער געזונטהייט אינפארמאציע, און די אונטערשטע שיכט (זייטן 3-10) שטעלט צו מער אויספירליכע פרטים וועגן אונזערע פריוואטקייט פראקטיצירונגען און פראצעדורן. אונזער "פרייוועסי אפיסער" (פריוואטקייט באאמטער) איז דזשויס עי. לעיהי, אדוואקאט.

### וועמ וועט אויספאלגן די מעלדונג

די מעלדונג שילדערט די געזונטהייט אינפארמאציע פריוואטקייט פראקטיצירונגען פון מיימאנעדיס מעדיקל סענטער, איר מעדיקל שטאב, און פארבינדעטע העלטה קעיר פארזארגערס וועלכע טוען אינאיינעם צושטעלן העלטה קעיר סערוויסעס מיט אונזער האספיטל. די פריוואטקייט פראקטיצירונגען וואס ווערן געשילדערט אין די מעלדונג וועלן אויסגעפאלגט ווערן פון: (1) כאטש וועלכער העלטה קעיר פראפעשאנאל וואס באהאנדעלט אייך אין סיי וועלכע פון אונזערע פלעצער, אריין גערעכנט אונזער "אמבולאטארי העלטה סערוויס נעטווארק"; (2) כאטש וועלכער ארבייטער, סטודענט, מענטשן וואס טרענירן זיך אדער וואלונטירן אין סיי וועלכע פון אונזערע פלעצער אריין גערעכנט אונזער "אמבולאטארי העלטה סערוויס נעטווארק"; (3) כאטש וועלכער ארבייטער, מעדיקל איינגעשטעלטער, מענטשן וואס טרענירן זיך, סטודענט אדער וואלונטיר אין עם.עם.פארמאסי, אינק. אדער "אינפיוזשן אפשנס", אינק.; און (4) כאטש וועלכע ביזנעס פארבינדעטע פון אונזער האספיטל אדער עם.עם.פארמאסי, אינק. אדער פון "אינפיוזשן אפשנס", אינק. (וועלכע ווערן געשילדערט שפעטער אין דעם דאקומענט). ביטע נעמט אין אכט אז אייער פריוואטער דאקטאר קען מעגליך האבן אנדערע פריוואטקייט פראקטיצירונגען וואס אנבאלאנגט דעם באנוץ און דאס ארויסגעבן פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע בשייכות צו באהאנדלונג וואס ווערט דערלאנגט אין זיין אדער אין איר אפיס.

### וויכטיגע אינפארמאציע בקיצור

**פראגעס.** אויב איר האט כאטש וועלכע פראגן וועגן די מעלדונג אדער אויב איר ווילט מער אויספירליכע אינפארמאציע, ביטע פארשטענדיגט זיך מיט דאגלעס דזשאבלאן, ספעציעלע געהילף צום פרעזידענט און וויצע פרעזידענט פון "פעישנט רילעישאנס" אויף 283-7212 (718).

**די פאדערונג פאר שריפטליכע אויטאריזאציע.** בדרך כלל וועלן מיר נעמען אייער שריפטליכע אויטאריזאציע איידער מיר נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער איידער מיר טוען דאס מיטטיילן מיט אנדערע אינדעוויסן פון האספיטל. איר קענט אויך פארלאנגען אז אייערע רעקארדס זאלן אריבער געפירט ווערן פאר אן אנדערן מענטש דורכן אויספילן א שריפטליכע אויטאריזאציע בויגן. אויב איר גיט אונז שריפטליכע אויטאריזאציע, קענט איר צוריק ציען די שריפטליכע אויטאריזאציע כאטש ווען, אויסער אויב מיר האבן זיך שוין פריער פארלאזט דערויף. כדי צורי צו ציען שריפטליכע אויטאריזאציע, ביטע שרייבט א בריוו צו אונזער "העלטה אינפארמעישאן סערוויסעס דעפארטמענט".

**אויסנאמען צום פאדערונג פאר שריפטליכע אויטאריזאציע.** עס זענען פאראן געוויסע אומשטענדן ווען מיר <u>דארפן נישט</u> האבן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע איידער מיר נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער איידער מיר געבן דאס ארויס פאר אנדערע; זי אויסנאמען זענען:

- **באהאנדלונג, באצאלונג, און ביזנעס אונטערנעמונגען.** מיר קענען נוצן און ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע צו באהאנדלען אייער מצב, איינצוקאסירן באצאלונג פאר די באהאנדלונג, אדער אנצופירן אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען. (זעט זייטן 4-5 פון די מעלדונג).

- **פאציענט דירעקטארי און ארויסגעבן פאר משפחה און פריינט וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג.** מיר קענען אריין שטעלן אינפארמאציע וועגן אייך אין אונזער פאציענט דירעקטארי אדער מיטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט משפחה און פריינט וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג, אויב איר שטעלט זיך נישט דערקעגן צום באנוץ און צום ארויסגעבן פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע אויף דעם אופן. (זעט זייט 5 פון די מעלדונג).

- **פאבליק געברויך.** מיר קענען נוצן אדער ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אין געוויסע אומשטענדן, אויסצופאלגן דאס געזעץ אדער נאכצוקומען וויכטיגע פאבליק געברויכן. (זעט זייטן 7-5 פון די מעלדונג).

- **אויב אינפארמאציע איז פולשטענדיג אדער טיילווייז אומ-אידענטיפיצירט.** (זעט זייט 8 פון די מעלדונג).

**וויאזוי צו צו-קומען צו אייער געזונטהייט אינפארמאציע.** בדרך כלל האט איר די רעכט צו אונטערזוכן און פאטא-קאפירן אייער געזונטהייט אינפארמאציע. (זעט זייט 9 פון די מעלדונג).

**וויאזוי אויס-צו-בעסערן אייער געזונטהייט אינפארמאציע.** איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן אויסבעסערן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אויב איר האלט אז עס איז נישט פונקטליך אדער נישט גענצליך. (זעט זייט 9 פון די מעלדונג).

**וויאזוי צו אידענטיפיצירן אנדערע וואס האבן באקומען אייער געזונטהייט אינפארמאציע.** איר האט די רעכט צו באקומען א "חשבון פון ארויסגעבונגען", וועלכע טוט אידענטיפיצירן געוויסע מענטשן אדער ארגאניזאציעס פאר וועמען מיר האבן ארויס געגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע. (זעט זייט 10 פון די מעלדונג).

**וויאזוי צו פארלאנגען ווייטערדיגע פריוואטקייט באשיצונגען.** איר האט די רעכט צו פארלאנגן ווייטערדיגע באגרעניצונגען אינעם אופן וויאזוי מיר נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער מיר טוען דאס מיטיילן מיט אנדערע. (זעט זייטן 11-10 פון די מעלדונג).

**וויאזוי צו פארלאנגן מער געהיימע פארבינדונגען.** איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך אויף אן אופן וואס איז מער געהיים פאר אייך, אזוי ווי למשל אינדערהיים אנשטאט ביי דער ארבייט. (זעט זייט 11 פון די מעלדונג).

**וויאזוי עמיצער קען נעמען שריט אין אייער נאמען.** איר האט די רעכט צו באשטימען א פערזענליכן פארטרעטער וואס זאל קענען נעמען שריט אין אייער נאמען צו קאנטראלירן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע. (זעט זייט 11 פון די מעלדונג).

**וויאזוי געוואר צו ווערן וועגן די ספעציעלע באשיצונגען פאר HIV-פארבינדעטע אינפארמאציע און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע.** ספעציעלע פריוואטקייט באשיצונגען זענען איינגעשטעלט געווארן אויף HIV-פארבינדעטע און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע. צו פארלאנגען קאפיעס פון די ספעציעלע מעלדונגען וואס אנבאלאנגט די סארט אינפארמאציע, ביטע פארבינדט זיך מיט די "פעישנט רילעשאנס (פאציענט פארבינדונגען) דעפארטעמנט" אויף 718-283-7212. (זעט זייט 11 פון די מעלדונג).

**וויאזוי צו באקומען א קאפיע פון די מעלדונג.** איר האט די רעכט צו א פאפיר קאפיע פון די מעלדונג און איר קענט פארלאנגען א פאפיר קאפי פון די מעלדונג (אדער סיי וועלכע איצטיגע ווערסיע פון די מעלדונג) כאטש ווען. כדי דאס צו טאן, ביטע רופט די "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212. איר קענט אויך באקומען א קאפי פון די מעלדונג (אדער א איצטיגע מעלדונג) פון אונזער וועב-סייט אויף www.maimonidesmed.org, אדער דורך פארלאנגען א קאפי ביי אייער קומענדיגע וויזיט. א קאפי פון אונזער איצטיגע מעלדונג וועט שטענדיג זיין ארויס געשטעלט אין באשטימטע אויפנאמע פלעצער. מיר קענען ענדערן אונזערע פריוואטקייט פראקטיצירונגען פון צייט צו צייט. אויב מיר טוען דאס, וועלן מיר איבער-ארבייטען די מעלדונג כדי אז איר זאלט האבן אן אקוראטע קיצור פון אונזערע פראקטיצירונגען. די איבער-געארבעטע מעלדונג וועט גילטיג זיין אויף אלע פון אייערע געזונטהייט אינפארמאציע, אריין גערעכנט סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איז געשאפן געווארן אדער דערהאלטן געווארן איידער די נייע מעלדונג איז ארויסגעגעבן געווארן. מיר זענען מחוייב אויסצופאלגן די תנאים פון די מעלדונג וואס איז איצט אין קראפט.

**וויאזוי אריין צו געבן א קלאגע.** אויב איר האלט אז אייערע פריוואטקייט רעכטן זענען פארלעצט געווארן, קענט איר אריין געבן א קלאגע ביי אונז אדער ביי די סעקרעטערי פון די "דעפארטמענט אוו העלטה ענד היומען סערוויסעס". כדי אריין צו געבן א

קלאגע ביי אונז, ביטע פארשטענדיגט זיך מיט אונזער "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212. *קיינער וועט זיך נישט נוקם זיין אדער נעמען שריט קעגן אייך פארן אריין געבן א קלאגע.*

## וואסערע געזונטהייט אינפארמאציע איז באשיצט

מיר זענען פארפליכטעט צו באשיצן די פריוואטקייט פון אינפארמאציע וואס מיר קלויבן צוזאם וועגן אייך בשעת מיר שטעלן אייך צו געזונטהייט-פארבינדעטע סערוויסעס. פאלגענד איז א טייל פון די באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע:

- אינפארמאציע וואס צייגט דערויף אז איר זענט א פאציענט אין האספיטל אדער אז איר באקומט באהאנדלונג אדער אנדערע געזונטהייט-פארבינדעטע סערוויסעס פון אונזער האספיטל;
- אינפארמאציע וועגן אייערע געזונטהייט אומשטענדן (ווי למשל א קרענק וואס איר קענט האבן);
- אינפארמאציע וועגן העלטה קעיר פראדוקטן אדער סערוויסעס וואס איר האט באקומען אדער וואס איר קענט באקומען אינעם צוקונפט (ווי למשל אן אפעראציע); אדער
- אינפארמאציע וועגן אייערע העלטה קעיר בענעפיטן אונטער אן אינשורענס פלאן (ווי למשל צי א פרעסקריפשאן [פארשריבענע אפטייק מעדעצין] איז געדעקט);

*ווען עס איז קאמבינירט מיט:*

- דעמאגראפישע אינפארמאציע (ווי למשל אייער נאמען, אדרעס, אדער אינשורענס סטאטוס);
- אייגענארטיגע ציפערן וואס קענען אייך אידענטיפיצירן (ווי למשל אייער סאשל סעקיורעטי נומער, אייער טעלעפאן נומער, אדער אייער דרייווער'ס לייסענס נומער); און
- אנדערע סארט אינפארמאציע וועלכע קענען אידענטיפיצירן ווער איר זענט.

## וויאזוי מיר קענען נוצן און ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע

***פאר אייער אינפארמאציע, האבן מיר דא אונטן ארויס געשריבן א מער אויספירליכע אויפקלערונג וויאזוי מיר קענען נוצן און ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע.***

### 1. <u>באהאנדלונג, באצאלונג און ביזנעס אונטערנעמונגען</u>

*מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער דאס מיטטיילן מיט אנדערע כדי צו באהאנדלן אייער מצב, באקומען באצאלט פאר די באהאנדלונג, און אנפירן אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען. אין געוויסע פאלן, קענען מיר אויך ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר באצאלונג אקטיוויטעטן און פאר געוויסע ביזנעס אונטערנעמונגען פון אן אנדערע העלטה קעיר פארזארגער אדער דער וואס באצאלט. די מעדיקל סענטער, איר מעדיקל שטאב און אנדערע העלטה קעיר פארזארגער וועלכע זענען אפיליאירט מיטן מעדיקל סענטער, נעמען אנטייל אין אן ארגאניזירטע העלטה קעיר אראנזשירונג לויט וויאזוי עס איז דערלויבט דורך HIPPA, וואס לאזט זיי מיטטיילן אינפארמאציע צווישן זיךפארן איינציגסטן צוועק פון באהאנדלונג, באצאלונג און העלטה קעיר אונטערנעמונגען. דא אונטען זענען אויסגערעכנט מער פעלער וויאזוי אייער אינפארמאציע קען ווערן גענוצט און ארויסגעגעבן פאר די צוועקן.*

**באהאנדלונג.** מיר קענען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט דאקטוירים אדער נוירסעס אדער אנדערע העלטה קעיר פארזארגער אינעם האספיטל, וועלכע זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג, און דאן קענען זיי ווידער נוצן די אינפארמאציע אייך צו דיאגנאזירן און צו באהאנדלן. א דאקטאר אין אונזער האספיטל קען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט אן אנדערן דאקטאר אינעווייניג אין אונזער האספיטל, אדער מיט א דאקטאר אין אן אנדערן האספיטל, כדי צו באשטימען וויאזוי אייך צו דיאגנאזירן און באהאנדלן. אייער דאקטאר קען אויך מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט אן אנדערן דאקטאר צו וועמען איר זענט רעפערירט געווארן פאר ווייטערדיגע העלטה קעיר. אונזערע פארשידענע דעפארטמענטס און העלטה קעיר פראקטיציאנערן קענען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע כדי צו צו-שטעלן און קאארדינירן סערוויסעס אזוי ווי למשל פרעסקריפשאנס, לאבראטאריע ווערק און עקס. רעי'ס. אונזערע פאקולטי (לערער), סטודענטן, וואלונטירן און די וואס טרענירן זיך וועלן האבן צוטריט צו אייער געזונטהייט אינפארמאציע פארן צוועק פון טרענירונג און באהאנדלונג, היות זיי נעמען אנטייל אין אנגייענדיגע דערציאונג טרענירונג, אינטוירן'שיפס און רעזידענסי פאדערונגען.

**באצאלונג.** מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער דאס מיטטיילן מיט אנדערע כדי מיר זאלן קענען באקומען באצאלט פאר אייערע העלטה קעיר סערוויסעס. צום ביישפיל: מיר קענען מיטטיילן אינפארמאציע וועגן אייך מיט אייער העלטה אינשורענס קאמפאני כדי צו באקומען צוריק געצאלט נאכדעם וואס מיר האבן אייך באהאנדלט, אדער כדי צו באשטימען צי אייער באהאנדלונג וועט געדעקט ווערן. עס איז אויך מעגליך אז מיר זאלן דארפן אינפארמירן אייער העלטה אינשורענס קאמפאני וועגן אייער געזונטהייט מצב כדי צו באקומען פאראויס-באשטעטיגונג פאר איער באהאנדלונג, ווי למשל אייך אריין צו נעמען אין האספיטל פאר א געוויסע סארט אפעראציע. שליסליך, קענען מיר מיטטיילן אייער אינפארמאציע מיט אנדערע פארזארגער און באצאלער פאר זייערע באצאלונג אקטיוויטעטן, אזוי ווי למשל אן אמבולאנס קאמפאני.

**ביזנעס אונטערנעמונגען.** מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער דאס מיטטיילן מיט אנדערע כדי אנצופירן אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען, וואס שליסט איין אינערליכע אדמיניסטראציע, פלאנירונג, און פארשידענארטיגע אקטיוויטעטן וועלכע פארבעסערן די קוואליטעט און פרייז'ליכקייט פון די באהאנדלונג וואס מיר שטעלן אייך צו, ווי למשל **<u>פערפארמענס</u>** פארבעסערונג, יוטיליזאציע איבערזיכט, אינערליכע חשבונות, אקרעדיטאציע, סוירטיפיקאציע, לייסענסינג, דערציאונג און קרעדענשלינג אקטיוויטעטן. למשל: מיר קענען אייער געזונטהייט אינפארמאציע דורכצופירן פאציענט צופרידענהייט שטודיעס, אפצושאצן די ארבייט פון אונזער שטאב וואס באהאנדלט אייך, אדער אויפצוקלערן אונזערע ארבייטער וויאזוי צו פארבעסערן די באהאנדלונג וואס זיי געבן אייך. מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר אונזערע פאציענט פארטרעטער כדי צו לייזן סיי וועלכע קלאגעס וואס איר קענט אפשר האבן, און צו פארזיכערן אז אייער וויזיט ביי אונז איז אייך באקוועם. שליסליך, קענען מיר מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט אנדערע העלטה קעיר פארזארגער און באצאלער פאר געוויסע פון זייערע ביזנעס אונטערנעמונגען אויב די אינפארמאציע האט א שייכות צו א פארבינדונג וואס דער פארזארגער אדער באצאלער האט איצט מיט אייך, אדער האט אמאל געהאט מיט אייך, און אויב דער פארזארגער אדער באצאלער איז מחוייב אונטערן פעדעראלן געזעץ, צו באשיצן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע.

**אפוינטמענט דערמאנונגען, באהאנדלונג אלטערנאטיוון, בענעפיטן און סערוויסעס.** אין לויף פון אייך צושטעלן באהאנדלונג, קענען מיר נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע זיך צו פארבינדן מיט אייך מיט א דערמאנונג אז איר האט אן אפוינטמענט פאר באהאנדלונג אדער סערוויסעס. מיר קענען אויך נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע כדי צו רעקאמענדירן מעגליכע באהאנדלונג אלטערנאטיוון אדער געזונטהייט פארבינדעטע בענעפיטן און סערוויסעס וואס קענען אייך פאראינטערסירן.

**פאנד-רעיזינג.** כדי צו שטיצן אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען, קענען מיר נוצן דעמאגראפישע אינפארמאציע וועגן אייך, אריין גערעכנט אינפארמאציע וועגן אייער עלטער און געשלעכט, וואו איר וואוינט אדער ארבייט, און די טעג אין וועלכען איר זענעט באהאנדלט געווארן, כדי זיך צו פארבינדן מיט אייך צו שאפן געלט אונז ארויס צו העלפן מיט די ווירטשאפט. מיר קענען אויך מיטטיילן די אינפארמאציע מיט א צדקה פונדאציע וואס וועט זיך פארבינדן מיט אייך צו שאפן געלט פאר אונזערט וועגן. אויב איר ווילט נישט אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך פאר פאנד-רעיזינג צוועקן, קענט איר זיך פארבינדן מיט די "דעוועלאפמענט אפיס" אויף 718-283-7046.

**ביזנעס פארבינדעטע.** מיר קענעו ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר קאנטראקטארס, אגענטן, און אנדערע ביזנעס פארבינדעטע וואס ברויכן די אינפארמאציע כדי אונז ארויס צו העלפן צו באקומען באצאלט אדער אנצופירן אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען. צום ביישפיל: מיר קענען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט א ביללינג קאמפני וואס העלפט אונז צו באקומען באצאלט פון אייער אינשורענס קאמפאני. מיר קענען אויך מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט מעדיקל טראנסקריפשאניסטס (וואס שרייבן איבער מעדעצינישע טעיפס) און קאפי סערוויסעס וואס העלפן אונז קאפי'ען אייערע מעדעצינישע רעקארדס. אנדערע ביישפילן זענען, אז מיר קענען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט אן אקאונטינג פירמע אדער אן אדוואקאטן פירמע וואס שטעלן אונז צו פראפעסיאנאלע בעראטונגען וויאזוי צו פארבעסערן אונזערע העלטה קעיר סערוויסעס און נאכקומען די פעדערונגען פון געזעץ, אדער מיט אן אינשורענס קאמפאני אדער א ריזיקע-פארוואלטונג ארגאניזאציע, כדי צו באקומען פראפעסיאנאלע בעראטונגען וויאזוי צו פארוואלטן מיט ריזיקע און לעגאלע התחייבות, אריין גערעכנט אינשורענס אדער לעגאלע תביעות. אויב מיר געבן טאקע ארויס אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר ביזנעס פארבינדעטע, וועלן מיר האבן א געשריבענעם קאנטראקט צו פארזיכערן אז אונזער ביזנעס פארבינדעטער טוט אויך באשיצן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע.

## 2. <u>פאציענט דירעקטארי/משפחה און פריינט</u>

*מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע, אדער ארויסגעבן די אינפארמאציע, פון אונזער פאציענט דירעקטארי, אדער דאס מיטטיילן מיט משפחה און פריינט וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג. מיר וועלן אייך אייביג געבן א געלעגנהייט זיך אקעגן*

*צו שטעלן, אויסער אויב עס איז נישט פאראן גענוג צייט צוליב א מעדעצינישע עמוירדזשענסי (וואס אין אזא פאל וועט איר קענען אויסדריקן אייער באגער וויבאלד די עמוירדזשענסי איז פאראיבער). מיר וועלן אויספאלגן אייער באגער אויסער ווען דאס געזעץ פאדערט פון אונז צו טאן אנדערש ווי איר ווילט.*

**פאציענט דירעקטארי.** אויב איר שטעלט זיך נישט דערקעגן, וועלן מיר אריין שטעלן אייער נאמען, אייער ארט אין אונזער אנשטאלט, אייער אלגעמיינעם מצב (ווי למשל: גוט, סטאביל, קריטיש, א.ד.ג.) און אייער רעליגיעזע אנגעהעריגקייט, אין אונזער פאציענט דירעקטארי, ווילאנג איר זענט א פאציענט אינעם האספיטל אדער אין כאטש וועלכען פון אונזערע אנשטאלטן. די דירעקטארי אינפארמאציע, אויסער אייער רעליגיעזע אנגעהעריגקייט, קען ארויס געגעבן ווערן פאר מענטשן וואס אינטערסירן זיך אויף אייך ביים נאמען. אייער רעליגיעזע אנגעהעריגקייט קען ארויסגעגעבן ווערן פאר "גייסטליכע" מיטגלידער, ווי למשל א רב אדער א גלח, אפילו אויב ער אדער זי אינטערסירט זיך נישט אויף אייך ביים נאמען.

**משפחה און פריינט וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג.** אויב איר שטעלט זיך נישט דערקעגן, קענען מיר מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט א משפחה מיטגליד, א קרוב, אדער א נאענטער פערזענליכער פריינט וואס איז פארמישט אין אייער באהאנדלונג אדער באצאלונג פאר די באהאנדלונג. מיר קענען אויך איינמעלדן פאר א משפחה מיטגליד, פערזענליכער פארשטייער אדער פאר אן אנדערן מענטש וואס איז פאראנטווארטליך פאר אייער באהאנדלונג, וואו איר געפינט זיך און אייער אלגעמיינעם מצב דא אין האספיטל, אדער וועגן די אומאיינגענעמע פאסירונג פון אייער פטירה. אין געוויסע פאלן קענען מיר דארפן מיטטיילן אייער אינפארמאציע מיט אן ארגאניזאציע וואס גיט זיך אפ צו העלפן מענטשן ביי א קאטאסטראפע, אז זיי זאלן אונז העלפן איינמעלדן פאר די מענטשן.

## 3. <u>פאבליק געברויך</u>

*מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע, און דאס מיטטיילן מיט אנדערע, אויסצופאלגן דאס געזעץ אדער נאכצוקומען א וויכטיגע פאבליק געברויכן, ווי עס ווערט געשילדערט דא אונטן.*

**ווי פארלאנגט דורכן געזעץ.** מיר קענען נוצן אדער ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אויב מיר זענען מחוייב דורכן געזעץ אזוי צו טאן. מיר וועלן אייך אויך איינמעלדן פון אזעלכע באנוצונגען און ארויסגעבונגען, אויב די מעלדונג ווערט פארלאנגט דורכן געזעץ.

**פאבליק געזונטהייט אקטיוויטעטן.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר אויטאריזירטע פאבליק געזונטהייט באאמטע (אדער פאר אן אויסלענדישע רעגירונג אגענטור וועלכע קאלאבארירט מיט אזעלכע באאמטע) כדי אז זיי זאלן קענען דורכפירן זייערע פאבליק געזונטהייט אקטיוויטעטן. צום ביישפיל: מיר קענען מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט רעגירונגס באאמטע וואס זענען פאראנטווארטליך צו קאנטראלירן קרענק, שעדיגונג אדער דיסאביליטי. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר א מענטש וואס איז מעגליך געווען אויסגעשטעלט צו אן אנשטעקיגע קרענק, אדער איז אין א געפאר איבער-צו-כאפן אדער צו פארשפרייטן די קרענק, אויב א געזעץ ערלויבט אונז דאס צו טאן. שליסליך, קענען מיר ארויסגעבן געוויסע געזונטהייט אינפארמאציע וועגן אייך פאר אייער ארבייטס-געבער אויב אייער ארבייטס-געבער דינגט אונז אייך צו צו-שטעלן א פיזישע עקזאם און מיר אנטדעקן אז איר האט אן ארבייט-פארבינדעטע שעדיגונג אדער קרענק פון וועלכן אייער ארבייטס-געבער מוז וויסן כדי אויס-צו-פאלגן די ארבייט געזעצן.

**קרבנות פון אביוז, פארנאכלעסיגונג אדער** *שטוב'יגע* **געוואלדטאטן.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר א פאבליק געזונטהייט אויטאריטעט וואס איז אויטאריזירט צו דערהאלטן באריכטן פון אביוז, פארנאכלעסיגונג און שטוב'יגע געוואלדטאטן. צום ביישפיל: מיר קענען באריכטן אייער אינפארמאציע פאר רעגירונגס באאמטע אויב מיר זענען פאראנטווארטליך... פארהעלטניסמעסיג ביי די מיינונג אז איר זענט געווען א קרבן פון אזא סארט אביוז, פארנאכלעסיגונג אדער שטוב'יגע געוואלדטאטן. מיר וועלן מאכן יעדן פארזוך צו באקומען אייער ערלויבעניש איידער מיר געבן ארויס די אינפארמאציע, אבער אין געוויסע פאלן קענען מיר זיין פארפליכטעט אדער אויטאריזירט צו נעמען שריט אן אייער ערלויבעניש.

**געזונטהייט איבערזיכט אקטיוויטעטן.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר רעגירונגס אגענטורן וואס זענען אויטאריזירט דורכצופירן אודיטס, אויספארשונגען און אונטערזוכונגען פון אונזערע אנשטאלטן. די רעגירונגס אגענטורן טוען אבזערווירן די ווירטשאפט פון דעם העלטה קעיר סיסטעם, רעגירונג בענעפיט פראגראמען ווי למשל מעדיקעיר און מעדיקעיד, און דאס אויספאלגן די רעגירונגס רעגולאציע פראגראמען און ציווילע רעכטן געזעצן.

**פראדוקט אבזערוואציע, פאריכטונג און צוריק-רוף.** מיר קענען ארויס געבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר א מענטש אדער פאר א קאמפאני וואס איז רעגולירט דורך די "פוד ענד דראג אדמיניסטראציע", פארן צוועק פון באריכטן פראבלעמען מיט פראדוקטן.

**געזעצליכע קלאגעס און מחלוקת.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אויב מיר ווערן פאראדערנט אזוי צו טאן דורך א געריכט אדער אן אדמיניסטראטיוון טריבונאל וואס באהאנדלט א געזעצליכע אנקלאגע אדער אן אנדערע מחלוקה.

**געזעץ פארסירונג.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר געזעץ פארסירונג באאמטע פאר די פאלגענדע צוועקן:

- אויסצופאלגן א געריכטליכן באפעל אדער געזעצן וואס מיר זענען מחויב איינצוהאלטן;
- ארויס צו העלפן געזעץ פארסירונג באאמטע צו אידענטיפיצירן אדער געפינען א פארדעכטיגטן, אנטלאפענעם, עדות, אדער א מענטש וואס איז פעלט;
- אויב איר זענט געווען א קרבן פון א פארברעכן און מיר באשטימען אז: (1) מיר האבן נישט געקענט באקומען אייער צושטימונג צוליב אן עמוירדזשענסי אדער צוליב אייער אומקאפאציטעט; (2) געזעץ פארסירונג באאמטע דארפן זאפארט האבן די אינפארמאציע כדי אויסצופירן זייערע געזעץ פארסירונג פונקציעס; און (3) אין אונזער פראפעסיאנאלע אפשאצונג איז אין אייערע בעסטע אינטערעסן ארויסצוגעבן די אינפארמאציע פאר די באאמטע;
- אויב מיר פארדעכטיגן אז אייער פטירה איז א רעזולטאט פון קרימינאלע אויפפירונג;
- אויב עס איז וויכטיג צו באריכטן א פארברעכן וואס האט פאסירט אויף אונזער פראפערטי; אדער
- אויב עס איז וויכטיג צו באריכטן א פארברעכן וואס איז אנטדעקט געווארן בשעת א מעדיקל עמוירדזשענסי אנדערשוואו-נישט-ביי-אונז (צום ביישפיל: דורך עמוירדזשענסי מעדיקל טעכניקער אויפן פלאץ פון א פארברעכן).

**צו פארמיידן אן ערענסטע און זאפארט'יגע געפאר צום געזונט אדער זיכערהייטס.** מיר קענען נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער דאס מיטטיילן מיט אנדערע ווען עס איז נייטיג צו פארמיידן אן ערענסטע און זאפארט'יגע געפאר צו אייער געזונט אדער זיכערהייטס, אדער צום געזונט און זיכערהייטס פון אן אנדערן מענטש אדער דעם אלגעמיינעם פאבליק. אין אזעלכע פאלן, וועלן מיר מיטטיילן אייער אינפארמאציע נאר מיט אזא איינעם וואס איז פעאיג צו העלפן פארמיידן דעם געפאר. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר געזעץ פארסירונג באאמטע אויב איר זאגט אונז אז איר האט אנטייל גענומען אין א ווילדן פארברעכן וואס האט מעגליך פאראורזאכט ערענסטע פיזישע שאדענס פאר אן אנדערן מענטש (אויסער אויב איר האט מודה געווען אויף דעם פאקט בשעת איר האט באקומען "קאונסעלינג"), אדער אויב מיר באשטימען אז איר זענט אנטלאפן פון א לעגאלע פארהאלטונג (אזוי ווי למשל א תפיסה אדער א מענטאל העלטה אנשטאלט).

**נאציאנאלע זיכערהייטס און שפיאנאזש אקטיוויטעטן אדער באשיצענדע סערוויסעס.** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר אויטאריזירטע פעדעראלע באאמטע וואס פירן דורך נאציאנאלע זיכערהייטס און שפיאנאזש אקטיוויטעטן, אדער וואס שטעלן צו באשיצנדע סערוויסעס פארן פרעזידענט אדער אנדערע וויכטיגע באאמטע.

**מיליטער און וועטעראנען.** אויב איר זענט אין די מיליטערישע קרעפטן, קענען מיר ארויסגעבן געזונטהייט אינפארמאציע וועגן אייך פאר די באטרעפענדע מיליטערישע קאמענד אויטאריטעטן פאר אזעלכע אקטיוויטעטן וואס זיי האלטן פאר וויכטיג אויסצופירן זייער מיליטעריגע פונקציעס. מיר קענען אויך ארויסגעבן געזונטהייט אינפארמאציע וועגן אויסלענדישע מיליטערישע פערסאנעל פאר דיבאטרעפענדע אויסלענדישע מיליטערישע אויטאריטעט.

**ארעסטאנטן און תפיסה אינסטיטוציעס.** אויב איר זענט אן ארעסטאנט אדער אויב איר זענט פארהאלטן געווארן דורך א געזעץ פארסירונג באאמטן, קענען מיר ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר די טורמע באאמטע אדער פאר די געזעץ פארסירונג באאמטע אויב עס איז נייטיג אייך צו באזארגן מיט העלטה קעיר, אדער אנצוהאלטן זיכערהייטס, סעקיוריטי און א געהעריגע ארדענונג אויפן פלאץ וואו איר זענט פארהאלטן. דאס שליסט איין מיטטיילן אינפארמאציע וואס איז נייטיג צו באשיצן דאס געזונט און זיכערהייטס פון אנדערע ארעסטאנטן אדער מענטשן וואס זענען פארמישט אין פארוואלטן אדער טראנספארטירן ארעסטאנטן.

**ווארקערס קאמפענסעישאן (ארבייטערס קאמפענסאציע).** מיר קענען ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר די "ווארקערס קאמפענסעישאן" אדער פאר ענליכע פראגראמען וואס שטעלן צו בענעפיטן פאר ארבייט-פארבינדעטע שעדיגונגען.

**פאלמעסער, מעדיקאל עקזאמינער און לוי' דירעקטארן.** אין די אומאיינגענעמע פאסירונג פון אייער פטירה, קענען מיר ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר א פאלמעסער אדער א מעדיקל עקזאמינער. דאס קען זיין נייטיג, צום ביישפיל, צו באשטימען די סיבה פון די פטירה. מיר קענען אויך ארויסגעבן די אינפארמאציע פאר לוי' דירעקטארן, ווי ווייט עס פעלט זיך אויס דורכצופירן זייערע פונקציעס.

**אוועק שענקן ארגאן און טישו.** אין די אומאיינגענעמע פאסירונג פון אייער פטירה, קענען מיר ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע פאר ארגאניזאציעס וואס פראדוצירן אדער האלטן מענטשליכע ארגאנען, אויגן אדער אנדערע טישו, כדי אז די ארגאניזאציעס זאלן קענען נאכפארשן צי עס איז מעגליך דאס אוועק צו שענקן אדער איבער-צו-פלאנצן אונטער גילטיגע געזעצן. ביטע נעמט אין אכט אז ארגאן און טישו שענקונגען פארלאנגען נאך אלץ צושטימונג.

**פארש ווערק.** אין רוב פעלער, וועלן מיר אייך בעטן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע איידער מיר נוצן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אדער איידער מיר טוען דאס מיטטיילן מיט אנדערע כדי דורכצופירן פארש ארבייט. פונדעסטוועגן דאך, אונטער געוויסע אמשטענדן, קענען מיר נוצן און ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע אויב מיר באקומען באשטעטיגונג דורך א ספעציעלע פראצעדור כדי צו פארזיכערן אז פארש ווערק וואס ווערט געטאן אן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע שטעלט מיט זיך פאר א מינימאלע געפאר פאר אייער פריוואטקייט. אבער אונטער קיין שום אומשטענדן וועלן מיר נישט ערלויבן פאר די פארשער צו נוצן אייער נאמען אדער אידענטיטעט אין דער עפענטליכקייט. מיר קענען אויך ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אן אייער שריפטליכע אויטאריזאציע, פאר מענטשן וואס גרייטן צו א צוקונפטיגע פארש ווערק פראיעקט, ווילאנג סיי וועלכע אינפארמאציע וואס טוט אייך אידענטיפיצירן פארלאזט נישט אונזער אנשטאלט. אין די אומאיינגענעמע פאסירונג פון אייער פטירה, קענען מיר מיטטיילן אייער געזונטהייט אינפארמאציע מיט מענטשן וואס פירן דורך פארש ווערק נוצענדיג אינפארמאציע פון מענטשן וואס זענען שוין נפטר געווארן, אזוי לאנג ווי זיי טוען איינשטימען נישט ארויס צו טראגן פון אונזער אנשטאלט קיין שום אינפארמאציע וואס טוט אייך אידענטיפיצירן.

4. **<u>גענצליך דע-אידענטיפיצירטע אדער טיילווייז דע-אידענטיפיצירטע אינפארמאציע.</u>** מיר קענען נוצן און ארויסגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אויב מיר האבן ארויסגענומען סיי וועלכע אינפארמאציע וואס קען אייך מעגליך אידענטיפיצירן, כדי אז די געזונטהייט אינפארמאציע זאל זיין גענצליך דע-אידענטיפיצירט. מיר קענען אויך נוצן און ארויסגעבן טיילווייז דע-אידענטיפיצירטע געזונטהייט אינפארמאציע וועגן אייך, אויב דער מענטש וואס וועט באקומען די אינפארמאציע שרייבט אונטער אן אפמאך צו באשיצן די פריוואטקייט פון די אינפארמאציע אזוי ווי עס ווערט פארלאנגט פון די פעדעראלע און סטעיט געזעצן. טיילווייזע דע-אידענטיפיצירטע געזונטהייט אינפארמאציע וועט <u>נישט</u> אנטהאלטן קיין שום אינפארמאציע וואס וועט אייך דירעקט אידענטיפיצירן (ווי למשל אייער נאמען, סטריט אדרעס, סאשל סעקיוריטי נומער, טעלעפאן נומער, פאקס נומער, עלעקטראנישע-פאסט אדרעס, וועב-סייט אדרעס, אדער לייסענס נומער).

5. **<u>צופאל'דיגע ארויסגעבונג.</u>** כאטש מיר נעמען אן אלע מעסיגע מיטלן צו באשיצן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע, קענען פאסירן געוויסע ארויסגעבונגען פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע, בשעת אדער אלס אן אומפארמיידליכע רעזולטאט פון אן ערלויבטע באנוץ אדער ארויסגעבונג פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע. צום ביישפיל: בשעת דעם לויף פון א באהאנדלונג סעסיע, קענען אנדערע פאציענטן וואס געפינען זיך ארום די באהאנדלונג פלאץ זען אדער אונטערהערן א שמועס פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע.

# אייערע רעכטן צו צוטריט און צו קאנטראלירן אייער געזונטהייט אינפארמאציע

*איר האט די פאלגענדע רעכטן צו האבן צוטריט און צו קאנטראלירן אייער געזונטהייט אינפארמאציע: (די רעכטן זענען וויכטיג וויל זיי וועלן אייך העלפן זיכער מאכן אז די געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן איבער אייך איז פונקטליך. דאס קען אייך אויך העלפן קאנטראלירן דעם אופן וויאזוי מיר נוצן אייער אינפארמאציע און וויאזוי מיר טוען דאס מיטטיילן מיט אנדערע, אדער דעם אופן וויאזוי מיר טוען זיך פארבינדן מיט אייך וועגן אייערע מעדעצינישע ענינים.)*

## 1. <u>די רעכט אונטער-צו-זוכן און קאפירן אייערע רעקארדס</u>

איר האט די רעכט אונטער-צו-זוכן און צו באקומען א קאפי פון כאטש וועלכן פון אייערע געזונט אינפארמאציע וואס קען ווערן באנוצט צו מאכן באשלוסן איבער אייך און איבער אייער באהאנדלונג פאר ווילאנג מיר האלטן די אינפארמאציע אין אונזערע רעקארדס. דאס שליסט איין מעדיקל און בילינג רעקארדס. כדי אונטער-צו-זוכן אדער צו באקומען א קאפי פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע, ביטע גיט אריין אייער פארלאנג שריפטליך צו די "העלטה אינפארמעישאן סערוויסעס דעפארטמענט". אויב איר פארלאנגט א קאפי פון די אינפארמאציע, קענען מיר אייך רעכענען אן אפצאל צו דעקן די קאסטן פון קאפי'ען, ארויס שיקן דורך די פאסט אדער אנדערע סופלייס וואס מיר נוצן ביים פארפילן אייער פארלאנג. די געוועגליכע פרייז איז $0.75 פער זייט, און עס מוז געווענליך באצאלט ווערן פאראויס, אדער בשעת מיר גיבן אייך די קאפיס.

מיר וועלן ענטפערן אויף אייער פארלאנג צו אונטערזוכן די רעקארדס אין פארלויף פון 10 טעג. געוועגליכערהייט וועלן מיר ענטפערן אויף פארלאנגען צו באקומען קאפיס אין פארלויף פון 30 טעג אויב די אינפארמאציע געפינט זיך אין אונזער אנשטאלט, און אין פארלויף פון 60 טעג אויב עס געפינט זיך אנדערשוואו אין אן אנדערע אנשטאלט. אויב מיר דארפן מער צייט צו ענטפערן אויף א פארלאנג פאר קאפיס, וועלן מיר אייך אינפארמירן שריפטליך אין פארלויף פון די צייט וואס איז אויבן דערמאנט אייך אויפצוקלערן די סיבה פון די פארשפעטיגונג און ווען איר קענט ערווארטן צו באקומען אן ענדגילטיגן ענטפער אויף אייער פארלאנג.

אונטער געוויסע זייער-באגרעניצטע אומשטענדן, קענען מיר אנטזאגן אייער פארלאנג אונטער-צו-זוכן אדער צו באקומען א קאפי פון אייער אינפארמאציע. אויב מיר טוען דאס, וועלן מיר אייך אנשטאט דעם צושטעלן א קיצור פון די אינפארמאציע. מיר וועלן אייך אויך צושטעלן א שריפטליכע מעלדונג וואס וועט אויפקלערן אונזערע סיבות פארן צושטעלן בלויז א קיצור, און א פולשטענדיגע שילדערונג פון אייערע רעכטן דערצו אז דער באשלוס זאל ווערן איבערגעקוקט, און וויאזוי איר קענט דורכפירן אייערע רעכטן. די מעלדונג וועט אויך אנטהאלטן אינפארמאציע וויאזוי איינצוגעבן א קלאגע וועגן די ענינים ביי אונז אדער ביים סעקרעטערי פון די ,דעפארטמענט אוו העלטה ענד היומען סערוויסעס". אויב מיר האבן א סיבה אייך אפצוזאגן בלויז א חלק פון אייער פארלאנג, וועלן מיר אייך צושטעלן פולשטענדיגע צוטריט צו די פארבליבענע חלקים נאכדעם וואס מיר שליסן אויס די אינפארמאציע וואס מיר קענען אייך נישט לאזן אונטערזוכן אדער קאפירן.

## 2. <u>די רעכט אויס-צו-בעסערן רעקארדס</u>

אויב איר האלט אז די געזונטהייט אינפארמאציע וואס מיר האבן וועגן אייך איז נישט ריכטיג אדער נישט פולשטענדיג, קענט איר אונז בעטן אויסצובעסערן די אינפארמאציע. איר האט די רעכט צו פארלאנגען אן אויסבעסערונג אזוי לאנג ווי די אינפארמאציע ווערט געהאלטן אין אונזערע רעקארדס. כדי צו פארלאנגען אן אויסבעסערונג, ביטע שרייבט צו די "העלטה אינפארמעישן סערוויסעס דעפארטמענט". אייער פארלאנג זאל אנטהאלטן די סיבות פארוואס איר האלט אז מיר דארפן מאכן די אויסבעסערונג. געוועגליכערהייט וועלן מיר ענטפערן אויף אייער פארלאנג אין פארלויף פון 60 טעג. אויב מיר דארפן מער צייט צו ענטפערן, וועלן מיר אייך איינמעלדן שריפטליך אין פארלויף פון 60 טעג אייך אויפצוקלערן די סיבה פאר די שפעטיגונג און ווען איר קענט ערווארטן צו האבן אן ענדגילטיגן ענטפער אויף אייער פארלאנג.

אויב מיר אנטזאגן א חלק אדער די גאנצע פון אייער פארלאנג, וועלן מיר צושטעלן א שריפטליכע מעלדונג וואס קלערט אויף אונזערע סיבות פארן טאן אזוי. איר וועט האבן די רעכט דערצו אז געוויסע אינפארמאציע בשייכות מיט אייער פארלאנגטע אויסבעסערונג זאל ווערן אריין געשריבן אין אייערע רעקארדס. צום ביישפיל, אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט אונזער באשלוס, וועט איר האבן א געלעגנהייט אריין צו געבן א דערקלערונג וואס קלערט אויף אייער אומאיינשטימיגקייט, און מיר וועלן דאס אריין לייגן אין אייערע רעקארדס. מיר וועלן אויך איינשליסן אינפארמאציע וויאזוי מען גיט אריין א קלאגע ביי אונז אדער ביים סעקרעטערי פון די "דעפארטמענט אוו העלטה ענד היומען סערוויסעס". די פראצעדורן וועלן מער אויספירליך ערקלערט ווערן אין סיי וועלכע אנטזאגונג מעלדונג וואס מיר שיקן אייך.

## 3. די רעכט צו א חשבון פון ארויסגעבונגען

איר האט די רעכט צו פארלאנגען א "חשבון פון ארויסגעבונגען" (ווי עס ווערט אפגעטייטשט דא אונטען), וועלכע אידענטיפיצירט געוויסע אנדערע מענטשן אדער ארגאניזאציעס פאר וועמען מיר האבן ארויסגעגעבן אייער געזונטהייט אינפארמאציע אין איינקלאנג מיט די באטרעפענדע געזעצן און די באשיצונגען וואס זענען צוגעשטעלט אין די "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען". די "חשבון פון ארויסגעבונגען" שילדערט נישט די אופנים וויאזוי אייער געזונטהייט אינפארמאציע איז מיטגעטיילט געווארן אינערהאלב דעם האספיטאל און צווישן דעם האספיטאל און די אנשטאלטן און אינדיווידועלע מענטשן וואס זענען אויסגערעכנט ביים אנהויב פון די מעלדונג, כל זמן אלע אנדערע באשיצונגען וואס ווערן געשילדערט אין די "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" זענען אויסגעפאלגט געווארן. אויב א פארלאנג פאר א "חשבון פון ארויסגעבונגען" ווערט אריין געגעבן פאר מיימאנעדיס מעדיקל סענטער, וועט אונזער ענטפער געווענליך זיין באגרעניצט צו ארויסגעבונגען וואס זענען געמאכט געווארן דורכן האספיטאל (אריין גערעכנט אונזערע קליניקס) און וועט נארמאלערהייט נישט אנטהאלטן ארויסגעבונגען וואס זענען געמאכט געווארן דורך אנדערע קערפערשאפטן אדער אינדיווידועלע מענטשן וואס זענען אויסגערעכנט ביים אנהויב פון די מעלדונג, ווי למשל ארויסגעבונגען וואס אינדיווידועלע דאקטוירים האבן געמאכט פון זייערע פריוואטע אפיסעס.

א "חשבון פון ארויסגעבונגען" וועט אויך נישט אנטהאלטן קיין אינפארמאציע איבער די פאלגענדע ארויסגעבונגען:

- ארויסגעבונגען וואס מיר האבן געמאכט פאר אייך אדער פאר אייער פערזענליכן פארטרעטער;
- ארויסגעבונגען וואס מיר האבן געמאכט אין איינקלאנג מיט אייער שריפטליכע אויטאריזאציע;
- ארויסגעבונגען וואס מיר האבן געמאכט פאר באהאנדלונג, באצאלונג אדער ביזנעס אונטערנעמונגען;
- ארויסגעבונגען וואס זענען געמאכט געווארן פון די פאציענט דירעקטארי;
- ארויסגעבונגען וואס זענען געמאכט געווארן פאר אייערע פריינט און משפחה וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג אדער באצאלונג פאר אייער באהאנדלונג;
- ארויסגעבונגען וואס זענען צופעלג דורכאויס אן ערלויבטן באנוץ און ארויסגעבונג פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע (צום ביישפיל, ווען אינפארמאציע ווערט אונטערגעהערט דורך אן אנדערן פאציענט וואס גייט פארביי);
- ארויסגעבונגען פארן צוועק פון פארש וועדק, פאבליק העלטה אדער אונזערע ביזנעס אונטערנעמונגען, פון באגרעניצטע חלקים פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע וואס טוט אייך נישט דירעקט אידענטיפיצירן;
- ארויסגעבונגען וואס ווערן געמאכט פאר פעדעראלע באאמטע פאר נאציאנאלע זיכערהייטס און שפיאנאזש אקטיוויטעטן;
- ארויסגעבונגען וועגן ארעסטאנטן צו תפיסה אינסטיטוציעס אדער געזעץ פארסירונג באאמטע;
- ארויסגעבונגען וואס זענען געמאכט געווארן איידער אפריל 14, 2003.

כדי צו פארלאנגען א "חשבון פון ארויסגעבונגען", ביטע שרייבט פאר די "העלטה אינפארמעישאן סערוויסעס דעפארטמענט". אייער פארלאנג מוז ארויסשרייבן א תקופה פון צייט אין פארלויף פון די לעצטע זעקס יאר (אבער נאך אפריל 14, 2003) פאר די ארויסגעבונגען וואס איר ווילט עס זאל אנטהאלטן. צום ביישפיל: איר קענט פארלאנגען א ליסטע פון די ארויסגעבונגען וואס מיר האבן געמאכט צווישן יאנואר 1, 2004 און יאנואר 1, 2005. איר האט די רעכט צו באקומען איין חשבון אין יעדע תקופה פון 12 מאנאטן, פריי אן געלט. פונדעסטוועגן דאך, מיר קענען אייך רעכענען אן אפצאל פאר די קאסט פון צושטעלן צוגאב חשבונות אין די זעלבע תקופה פון 12 מאנאטן. מיר וועלן אייך אייביג איינמעלדן אויב עס איז פאראן א פרייז צו באצאלן, כדי אז איר זאלט האבן די ברירה צוריק-צו-ציען אדער ענדערן אייער פארלאנג איידער עס קאסט אייך געלט.

געוועגליכערהייט וועלן מיר ענטפערן אויף אייער פארלאנג פאר א חשבון אין פארלויף פון 30 טעג. אויב מיר דארפן מער צייט צו צו-גרייטן דעם חשבון וואס איר האט פארלאנגט, וועלן מיר אייך איינמעלדן שריפטליך וואס עס איז די סיבה פאר די שפעטיגונג און דעם דאטום ווען איר קענט ערווארטן צו באקומען דעם חשבון. אין זעלטענע פאלן, קענען מיר דארפן אפשטופן דאס צושטעלן אייך דעם חשבון אן דעם וואס מיר זאלן אייך איינמעלדן דערפון, ווייל א געזעץ פארסירונג באאמטער אדער א רעגירונגס אגענטור האט פארלאנגט אז מיר זאלן אזוי טאן.

## 4. די רעכט צו פארלאנגען ווייטערדיגע פריוואטקייט פראקטיצירונגען

איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן נאך מער באגרעניצן דעם וועג וויאזוי מיר נוצן און מיר געבן ארויס אייער געזונטהייט אינפארמאציע צו באהאנדלן אייער מצב, איינקאסירן באצאלט פאר די באהאנדלונג אדער אנפירן מיט אונזערע ביזנעס

אונטערנעמונגען. איר קענט אויך פארלאנגען אז מיר זאלן באגרעניצן וויאזוי מיר געבן ארויס אינפארמאציע איבער אייך פאר אייער משפחה און פריינט וואס זענען פארמישט אין אייער באהאנדלונג. צום ביישפיל: איר קענט פארלאנגען אז מיר זאלן נישט ארויסגעבן אינפארמאציע וועגן אן אפעראציע וואס איר האט געהאט. כדי צו פארלאנגען די באגרעניצונגען, ביטע שרייבט צום "פרייוועסי אפיסער" (פריוואטקייט באאמטער). אייער פארלאנג זאל אנטהאלטן (1) וואסערע אינפארמאציע איר ווילט באגרעניצן; (2) צי איר ווילט באגרעניצן וויאזוי מיר נוצן די אינפארמאציע, אדער וויאזוי מיר טיילן מיט די אינפארמאציע מיט אנדערע, אדער ביידע; און (3) פאר וועמען איר ווילט אז די באגרעניצונגען זאלן גילטיג זיין. מיר וועלן אייך שיקן א שריפטליכען ענטפער.

מיר זענען נישט מחויב צו צו-שטימען צו אייער פארלאנג פאר א באגרעניצונג, און אין געוויסע פאלן קען זיין אז די באגרעניצונג וואס איר פארלאנגט איז נישט ערלויבט אונטערן געזעץ. *פונדעסטוועגן דאך, אויב מיר זענען איינשטימיג, וועלן מיר זיין געבינדען דורך אונזער אפמאךאויסער אויב די אינפארמאציע ווערט פארלאנגט כדי אייך צו צו-שטעלן עמוירדזשענסי באהאנדלונג אדער אויס-צו-פאלגן דאס געזעץ*. וויבאלד מיר האבן צוגעשטימט צו א באגרעניצונג, האט איר די רעכט צוריק-צו-ציען די באגרעניצונג כאטש ווען. אונטער געוויסע אומשטענדן וועלן מיר אויך האבן די רעכט צוריק-צו-ציען די באגרעניצונג כל זמן מיר טוען אייך איינמעלדן דערוועגן איידער מיר טוען עס; אין אנדערע פאלן וועלן מיר דארפן האבן אייער ערלויבעניש איידער מיר קענען צוריק-ציען א באגרעניצונג.

**5. __די רעכט צו פארלאנגען געהיימע פארבינדונגען__**

איר האט די רעכט צו פארלאנגען אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך וועגן אייערע מעדעצינישע ענינים אויף א מער געהיימען אופן, דורך פארלאנגען אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך אויף אלטערנאטיווע אופנים אדער אויף אלטערנאטיווע פלעצער. צום ביישפיל: איר קענט פארלאנגען אז מיר זאלן זיך פארבינדן מיט אייך אינדערהיים אנשטאט ביי דער ארבייט. כדי צו פארלאנגען מער געהיימע פארבינדונגען ביטע שרייבט צו אונזער "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט". *מיר וועלן אייך נישט אויספרעגן די סיבה פארוואס איר מאכט דעם פארלאנג און מיר וועלן פרובירן אייך נאכצוקומען אלע מעסיגע פארלאנגן*. ביטע זייט ספעציפיש אין אייער פארלאנג וויאזוי אדער וואו איר ווילט מען זאל זיך פארבינדן מיט אייך, און וויאזוי די באצאלונג פאר אייער העלטה קעיר וועט דורכגעפירט ווערן אויב מיר פארבינדן זיך מיט אייך אויף דעם אלטערנאטיוון אופן אדער פלאץ.

## צוגאב אינפארמאציע

**וויאזוי עמיצער קען נעמען שריט אין אייער נאמען.** איר האט די רעכט צו באשטימען א פערזענליכן פארטרעטער וועלכער קען נעמען שריט אין אייער נאמען צו קאנטראלירן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע. אבער ביטע נמעט אין אכט, אז דאס באשטימען עמיצן צו נעמען שריט אין אייע נאמען צו קאנטראלירן די פריוואטקייט פון אייער געזונטהייט אינפארמאציע, איז פאר זיך אליין נאך נישט גענוג צו געבן פאר דעם מענטש די רעכט צו מאכן באהאנדלונג באשלוסן אין אייער נאמען. עלטערן און "גארדיען'ס" האבן בדרך כלל די רעכט צו קאנטראלירן די פריוואטקייט פון געזונטהייט אינפארמאציע פון קליינע קינדער, אויסער אויב די קליינע קינדער זענען געזעצליך ערלויבט צו נעמען שריט אין זייער אייגענעם נאמען.

**ספעציעלע באשיצונגען פאר HIV-פארבינדעטע אינפארמאציע און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע.** ספעציעלע פריוואטקייט באשיצונגען זענען גילטיג אויף HIV-פארבינדעטע אינפארמאציע און גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע. געוויסע חלקים פון די אלגעמיינע "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" זענען מעגליך נישט גילטיג אויף די סארט אינפארמאציע. אויב איר ווילט א שריפטליכע אויפקלערונג וויאזוי די אינפארמאציע וועט זיין באשיצט, ביטע פארבינדט זיך מיט די "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212.

**פרייוועסי אפיסער** (פריוואטקייט באאמטער). אונזער פרייוועסי אפיסער איז דזשויס עי. לעיהי, אדוואקאט. אויב איר האט סיי וואסערע פראגען בשייכות מיט די מעלדונג אדער אויב איר ווילט ווייטערדיגע אינפארמאציע, ביטע פארבינדט זיך מיט דאגלעס דזשאבלאן, ספעציעלע געהילף צום פרעזידענט און וויצע פרעזידענט פון "פעישנט רילעישאנס" אויף (718) 283-7212.